**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נאענט צו 8 מיליאן דאלאר פאר אויפרעכטונג פון ברעגעס אין לאנג איילענד

### *אויפרעכטונג פון "בעקסטער ביטש" ברעגע וועט פארמיידן פארפלייצונגען און באשיצן פארט וואשינגטאן קאמיוניטי*

### *בילדער פון די געשעעניש קען מען טרעפן אויף די גאווערנער'ס פליקר בלאט*

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט 7.7 מיליאן דאלאר פאר די אויפרעכטונג פון ברעגעס אין לאנג איילענד. די אינוועסטירונג וועט העלפן פאררעכטן די "בעקסטער ביטש" ברעגע אין פארט וואשינגטאן וואס איז אפגעשווענקען געווארן. די אפשווענקונג און שרינקנדע ברעגע האט געפירט צו באדייטנדע פארפלייצונגען, שטעלנדיג קאמיוניטיס אין געפאר און שעדיגנדיג פארפלייצונגען און ים באשעפענישן.

"לאנג איילענד איינוואוינער פארשטייען ווי שנעל א רעגנדיגע טאג קען פירן צו פארפלייצטע געגנטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן פארט וואשינגטאן מאכן קריטישע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען און אויפבויען א שטאנדהאפטיגע קאמיוניטי וואס קען ביישטיין די אפטערע עקסטרעמע וועטערס."

די ברעגע וואס ווערט אפגעשווענקען ביי בעקסטער ביטש האט נישט נאר באדייטנדע שאדנס פאר פלאנצונגען און ים באשעפענישן, אוועקנעמענדיג פלאץ וואו באשעפענישן האלטן זיך אויף און פון די ברעגעס, נאר באדייטנדע פארפלייצונגען קען אויך שטראנדען צענדליגע טויזנטע איינוואוינער. דורכאויס שווערע רעגנס און פארפלייצונגען, טרעפן זיך איינוואוינער אפט געשטראנדעט צוליב פארפלייצונגען אויף Shore Road.

די 7.7 מיליאן דאלאר וועט גענוצט ווערן צו פארמינערן אפשווענקונג פון די ברעג און פארפלייצונגען און צו פארבעסערן פארבינדונגען פאר פיסגייער. די פארגעשלאגענע קאנסטרוקציע רעכנט אריין א וועג צו שפאצירן פון פעך וואס לאזט אריבער וואסער, אויסגעלייגטע שטיינער און פאררעכטונג פון שטיינערנע ווענט וואס האלטן צוריק די וואסער און אזוי אויך פלאנצונגען וואס פאסן פאר די כוואליעס צו פארמיידן פארפלייצונגען און אפשווענקונגג. הויכע וועגן צו שפאצירן און זעהן די פאנאראמעס, לענדסקעיפינג אויף די אויבערשטע ברעג, בענק צו זיצן, א שעלטער צו ווארטן אויף באסעס און ענערגיע-שפארזאמע באלייכטונג וועלן אויך געבויט ווערן צו פארבעסערן די ברעגע פאר אלע איינוואוינער. דער פראיעקט וועט נישט נאר באשיצן פארט וואשינגטאן איינוואוינער, נאר עס וועט אויך צוציהען נייע באזיכער און שטיצן די לאקאלע ביזנעס דיסטריקט.

פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט פון עקזיסטירנדע סטעיט אינפראסטרוקטור פינאנצירונג קוועלער.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "אזוי ווי קלימאט טויש און די וואקסנדע וואסער שטאפלען אין ים פארגרעסערן די סכנות פאר אונזערע קאמיוניטיס אויפן ברעג, טוהען גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונגען אין די אויפרעכטונג פון ברעגעס צושטעלן דירעקטע שטיצע צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון ברעגעס אין לאנג איילענד. די DEC'ס ברעג און וואסער קוואליטעט עקספערטן וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט די פילע שותפים וואס שטיצן די וויכטיגע באמיאונגען צו פאראויס שטופן סטראטעגיעס וואס באשיצן אונזערע קאמיוניטיס אויפן ברעג אין דעם ראיאן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשינע סיליטי האט געזאגט,** "זינט איך בין אריין אין אפיס, איז איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן געווען צו ארבעטן מידלאזערהייט מיט מעיאר נארע האַגענסאן צו פארזיכערן די פארצווייפלט נויטיגע פינאנצירונג פאר די פאררעכטונג און אויפרעכטונג פון די בעקסטער ביטש ברעג. איך בין שטאלץ צו אנאנסירן אז גאווערנער האקול האט זיך אפגערופן צו אונזערע דרינגנדע רופן און אז זי שטעלט צו א טראנספארמאטיווע 7.7 מיליאן דאלאר פאר דעם קריטישן פראיעקט. די פינאנצירונג וועט נישט נאר אויפלעבן די ברעגע און אויפרעכטן מענהעסעט בעי, נאר עס וועט אויך באשיצן Shore Road פון די אומאויפהערליכע פארפלייצונגען און אפשווענקונג וואס האבן צו אפט איבערגעלאזט אונזערע איינוואוינער געשטראנדעט און אויסגעשטעלט צו סכנה."

**נעסאו קאונטי מינאריטעט פירערין, דעליא דעריגי-וויטאן, האט געזאגט,** "Shore Road איז א ווענזטליכע פונקט וואס ערמעגליכט צוטריט פאר צענדליגע טויזנטע נעסאו קאונטי איינוואוינער און אויך א DOT-דעזיגנירטע עמערדזשענסי רוט, און מיר מוזן אונטערנעמען אגרעסיווע שריט צו פרעזערווירן איר סטרוקטורישע שטארקייט פאר די צוועקן פון פובליק זיכערהייט, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע אפהיטונג. איך באדאנק גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פאר זייער שארפע קאנצענטראציע אויף נעסאו קאונטי'ס דרום ברעג, און איך אפלאדיר מעיאר נארע האַגענסאן פאר איר מידלאזע שתדלנות און פירערשאפט ביים אדרעסירן די לעצטע אינפראסטרוקטורישע פראבלעם אין אונזער ראיאן."

**טאון אָוו נארט העמפסטעד קאונסיל מיטגלידערין, מעריען דעלימאנטי, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איז א באדייטנדע טריט פאראויס פאר אונזער קאמיוניטי, אדרעסירנדיג די דרינגנדע נויט צו אויפרעכטן די ברעג ביי בעקסטער ביטש. איך וויל באמת באדאנקען גאווערנער האקול און אסעמבלי פרוי סיליטי פאר זייער פעלזן-פעסטע שטיצע און איבערגעגעבנקייט צו אונזערע ענווייראמענטאלע און זיכערהייט זארגן. די אינוועסטירונג טוט נישט נאר באשיצן אונזערע טייערער ים באשעפענישן און פלאנצונגען, נאר עס פארזיכערט אויך די זיכערהייט פון מער פון 12,000 איינוואוינער. א דאנק אייך, גאווערנער האקול און אסעמבלי פרוי סיליטי, פארן אונז העלפן באשיצן אונזערע היימער און סביבה פאר צוקונפטיגע דורות."

**מעיאר פון בעקסטער עסטעיטס, נארע האַגענסאן, האט געזאגט,** "די ברייטהארציגע גרענט פון די גאווערנער וועט אונז העלפן מיט די אויפרעכטונג פון אונזער בעקסטער עסטעיטס ברעג. מיר זענען אזוי דערפרייט און שטאלץ אז די גאווערנער אנערקענט די וויכטיגקייט פון אויפהאלטן די שטאנדהאפטיגקייט פון די וואסער ברעג לענגאויס מענהעסעט בעי און די נאטורליכע פלאץ פאר פיש און וואָטערפאַול פויגל. א דאנק, גאווערנער האקול!"

**גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן צו באשיצן ניו יארקער**
גאווערנער האקול האט אנאנסירט אן ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן צו באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **אוועקשטעלן דעם 'שטאנדהאפטיג און גרייט' (Resilient & Ready) פראגראם** צו זיין א בויגזאמע קאסע צו שטיצן שטאנדהאפטיגקייט אונטערנעמונגען פאר היים אייגנטימער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט נאך בעפאר צוקונפטיגע שטורעמעס קומען אן. די פראגראם וועט ערמעגליכן סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג צו ארויסהעלפן הויזגעזונדער וועלכע ספראווען זיך מיט פארפלייצונג שאדן צו מאכן נויטיגע פארררעכטונגען נאך א שטורעם און וועט דעקן די קאסטן פון פארבעסערונגען פון פאראויס צו פארמיידן פארפלייצונג.
- **אוועקשטעלן דעם 'בלויע באֶפערס' (Blue Buffers) פרייוויליגע אויסקויף פראגראם**, מיט 250 מיליאן דאלאר ארייינגעלייגט אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024-25 צו מוטיגן צו אויסקויפן פראפערטיס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו פארפלייצונג. די פראגראם וועט פאקוסירן ערשט אויף אוטריטש און עדיוקעישאן און דערנאך אנהויבן אידענטיפיצירן פרייוויליגע פראיעקטן באזירט אויף די שטאפל פון ריזיקע פון פארפלייצונג, פארזיכערנדיג אז מיר באשיצן אונזערע קאמיוניטיס וועלכע האבן די גרעסטע אויסזיכטן פון ליידן פון הויכע וואסערן און שטורעם כוואליעס.
- **מאכן גרויסארטיגע אינוועסטירונגען אין סטעיט-ברייטע קאטאסטראפע אפרופונג** צו אוועקשטעלן מער מאנשאפטן אויפן שטח, פארבעסערן טרענירונג און גרייטיקייט און אדרעסירן אנטוויקלנדע סכנות אזוי ווי זיי קומען ארויף.
- **איבערארבעטן ברעג אפשווענקונג געפאר ראיאנען ( Coastal Erosion Hazard Area, CEHA) מאפעס**, וועלכע זענען זייער וויכטיג צו באשיצן די ברעגעס, זאמדן און ברעג שפיצן וועלכע האלטן אן און פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט קעגן פארפלייצונג, אזוי אז קאמיוניטיס און פערמיט אפליקאנטן זאלן קענען שנעלערהייט פארשטיין אויב א פראפערטי געפונקט זיך אין א CEHA געגנט.

די ווילער-באשטעטיגטע $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראנמענטאלע באנד אקט העלפט שטיצן די אלע און נאך אנדערע איניציאטיוון, אריינרעכנענדיג נוצן געלטער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און שטארקייט אינפראסטרוקטור. דער באנד אקט אוואנסירט היסטארישע שטאפלען פון געלטער צו דערהיינטיגן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין ערנסטע שטורעמעס און פלייצונג, פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע ארויסגעבונגען, צוריקברענגען האביטאטס, און אויפהאלטן דרויסנדע ערטער און לאקאלע פארמס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום וויניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט. פאר מער אינפארמאציע איבער דעם באַנד געזעץ, גייט צו www.ny.gov/BondAct.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן